שנה א' גליון ג'
**פרשת נח**
תשפ"ד

גליון
# יומא בהילולא

## לוח ההילולא

<u>ו' חשון</u>

א) הגאון ר' בנימין וואלף שפירא זצ"ל.
ב) הגאון ר' יצחק אלי' מסטימעניץ זצ"ל.
ג)הרה"ק ר' שד"י מסלאנים זצ"ל.

<u>ז' חשון</u>

א) הרה"ק ר' יהודה צבי מראזלא זצ"ל.
ב) הרה"ק ר' שמעון דייטש-אשכנזי זצ"ל אב"ד דרומביל.
ג) הרה"ק ר' נתן דוד משידלאווצא זצ"ל.
ד) הגאון ר' אהרן סג"ל טויבער זצ"ל.

<u>ח' חשון</u>

א) הגאון ר' משלום זלמן זאלצבערג אשכנזי זצ"ל.
ב) הגאון ר' נחום'קע קאפלאן מהורודנא זצ"ל.

<u>ט' חשון</u>

א) הגאון ר' יצחק שיק זצ"ל אב"ד קארלין.
ב) הרה"ק ר' אברהם משה מפשעווארסק זצ"ל.
ג) הגאון ר' יחזקאל סעגיגער מדוקלא זצ"ל.
ד) הגאון ר' יצחק קאפף זצ"ל.

<u>י' חשון</u>

א) הגאון ר' ארי' לייביש אוירבאך זצ"ל מסטאניסלאב.

<u>י"א חשון</u>

א-ב) רחל אמנו ובנה בנימין משבטי יה ע"ה.

<u>י"ב חשון</u>

א) הרה"ק ר' וואלף קיצעס זצ"ל.
ב) הגאון ר' משה אייזענשטאדט זצ"ל אב"ד קלעצק.
ג) הרה"ק ר' משה'לע שינאווא זצ"ל.

## ו' חשון

א) **הגאון ר' בנימין וואלף שפירא זצ"ל**: געבוירן צו זיין פאטער הגאון ר' יחיאל זצ"ל אב"ד פראג. ער איז געווען א גאון אדיר, בצו"ק, חו"פ און בעל מקובל. ער פלעגט גיין אין מקוה מסינ"פ אפי' ווען עס איז געווען אייזיג און קאלט, צו דינען הקב"ה און עוסק בתורה בטהרה. ר' בנימין וואלף האט אויפגעשטעלט אסאך תלמידים ווי אויך האט ער געדינט אלס דיין אין שטאט פראג מער פון דרייסיג יאר. ער איז נסתלק געווארן ביום השבת ו' חשון שנת שצ"א.

ב) **הגאון ר' יצחק אלי' מסטימעניץ זצ"ל**: ער געבוירן שנת תקמ"ד צו זיין פאטער הגאון ר' משלום בעל שו"ת איגרא רמה אב"ד פרעשבורג. פון קינדווייז אן איז ער געווען אן עלי' נפלא. אין שנת תקס"ב האט ער חתונה געהאט מיט די טאכטער פון הגאון ר' ישכר בעריש אב"ד הנובער. ער איז געווען א גרויסער גאון, זיין טאטע האט זיך אויסגעדריקט אויף אים אז ער איז ראוי צו זיין רב אין שטאט פראג אויפן פלאץ פון נוב"י. אבער בלויז אביסל מער ווי א יאר נאך זיין חתונה איז ער נסתלק געווארן ביום ו' חשון תקס"ד אלט זייענדיג בלויז צוואנציג יאר.

ג) **הרה"ק ר' שלמה דוד יהושע מסלאנים זצ"ל הי"ד**: ער איז געבוירן אין חודש שבט שנת תרע"ב צו זיין פאטער הרה"ק ר' אברהם מסלאנים זצ"ל בעל בית אברהם. ער איז געווען אן איידעם ביי הרה"ק ר' יצחק מענדל מאלכסנדר זצ"ל. נאכן הסתלקות פון אביו, בחודש אייר תרצ"ג, איז ער זייעדיג בלויז איין אין צוואנציג יאר געווארן ממלא מקום פון זיין פאטער אלס רבי פון אלע סלאנימע חסידים פון איבער די גאנצע וועלט. דער סלאנימער רבי איז געווען א געוואלדיגע בעל מוח און חריף. ער האט געוואוינט אין שטאט בראנוויטש. ער איז געהרג'עט געווארן עלקה"ש ביום ו' חשון תש"ד.

## ז' חשון

א) **הרה"ק ר' שמעון דייטש-אשכנזי זצ"ל אב"ד דרומביל**: ר' שמעון איז געבוירן געווארן בערך שנת ת"ק צו זיין פאטער ר' אברהם ז"ל, אין דייטשלאנד און איז געווען אן איידעם ביי הגאון ר' אפרים זצ"ל ר"מ אין שטאט דרומביל. ער האט זיך מסתופף געווען בצ"ק פון די הייליגער רבי ר' אלימלך זצ"ל און פונעם הייליגן רבי פון לובלין זצ"ל. ערשט האט ער געדינט אלס דומ"ץ אין שטאט דרומביל און שפעטער איז ער געווארן רב אין שטאט. זיין הייליגע נאמען האט גע'שמ'ט גאר ווייט מיט זיין געוואלדיגע גאונות און קדושה. ער איז נסתלק געווארן ביום ז' תשרי שנת תקס"ב. ומח"ס נחלת שמעון עה"ת.

ב) **הרה"ק ר' יהודה צבי מראזלא זצ"ל** : ער איז געבוירן געווארן בערך שנת תק"נ צו זיין פאטער הרה"ק ר' משה מסאמבור זצ"ל און זיי מאמע מרת הינדא ער האט חתונה געהאט מיט הרבנית מרת שרה טאכטער פון זיין פעטער הרה"ק ר' צבי הירש מזידיטשוב זצ"ל. נאכן הסתלקות פון זיין שווער ביום י"ב תמוז תקצ"א לפ"ק איז ער געווארן מ"מ און איז געווען מגדולי צדיקי הדור. ער איז געווען מפרוסם אלס גאון וקדוש אין געווען זייער גרויס אין קבלה. ר' יהודה צבי איז נסתלק געווארן ביום ז' חשון תר"ח לפ"ק, ומנו"כ אין ראזלא. מח"ס דעת קדושים על מועדים, עמוד התורה, תעלומות חכמה אויף מדרש פרשת בראשית.

ג) **הרה"ק ר' נתן דוד משידלאווצא זצ"ל**: געבוירן בערך שנת תקס"ח-תק"ע צו זיין פאטער הרה"ק ר' ירחמיאל מפרשיסחא זצ"ל און זיין מאמע מרת גאלדא ע"ה, טאכטער פון הגאון ר' דובער זצ"ל אב"ד שדה לבן. ביי זיין ברית איז געווען סנדק זקינו דער יהודי הקדוש זצ"ל מפרשיסחא. ער האט חתונה געהאט מיט הרבנית מרת דבורה פערל ע"ה בת ר' שמואל פשעדנאוויק ז"ל. ער האט זיך מסתופף בצ"ק פון די סבא קדישא מראדשיץ זצ"ל און ביי הרה"ק ר' יחזקאל מקאזמיר זצ"ל און ביי הרה"ק מרוזון זצ"ל ובמיחוד ביי הרה"ק מצאנז זצ"ל. ערשט האט ער געוואוינט אין שטאט פרשיסחא, שפעטער בשנת תר"י איז ער אריבער קיין שידלאווצא. ער איז געווען מפרוסם אלס א צדיק נשגב וואס טויזנטער חסידים זענען געגאנגען לאור קדושתו וטהרתו, א בעל מופת וואס מען איז געקומען צו אים פאר אן עצה און א ברכה. ער איז נסתלק געווארן ביום ז' חשון תרכ"ו ומנו"כ אין שידלאווצא.

ד) **הגאון ר' אהרן סג"ל טויבער זצ"ל**: ער איז געבוירן צו זיין פאטער ר' שמעון טויבעלס ז"ל אין שטאט טרעהביטש. ער האט געלערנט ביי הגאון ר' זאב וואלף זצ"ל אין אייזנשטאט. ערשט האט ער געוואוינט אין שטאט אובן ישן (אלט בודא-פעסט) און געזעצן דארט עה"ת ועבודה, שפעטער איז ער געווארן רב אין שטאט באטארקעסי און האט דארט משמש געווען פאר צוואנציג יאר. ר' אהרן איז געווען א למדן מופלג וצדיק תמים. סוף ימיו האט ער זיך אפגעזאגט פון רבנות און זיך באזעצט אין שטאט סערדהעלי. ער איז נסתלק געווארן ביום ז' חשון תר"ז ומנו"כ אין סערדהעלי. מח"ס יד אהרן.

## ח' חשון

א) **הגאון ר' משלום זלמן זאלצבערג אשכנזי זצ"ל**:ער איז געווען א ראש גולת אריאל אר' שבחבורה גדול מרבן שמו, א גאון נפלא און חסיד וקדוש. ער איז געווען א חבר פון מגיני שלמה און פון תוספות יום טוב. ר' משלום זלמן האט משמש געווען ברבנות אין שטאט לבוב. ער איז נסתלק געווארן ח' מרחשון שנת ת"ה.

ב) **הגאון ר' נחום קאפלאן זצ"ל מהורודנא**: געבוירן שנת תקע"ב צו זיין פאטער ר' עזריאל זצ"ל. ער איז געווען פון די באקאנטע אנשי סגולה אין ליטא. ער איז געווען אן ענותן ושפל ברך און א גרויסע גאון בתורה בנגלה ובנסתר. ער האט מסרב געווען אנצונעמען א רבנת פאסטן איז ער געווען די משמש פון די חברה ש"ס אין שטאט. ר' נחום איז אויך באקאנט מיט זיינע פעולת פון חסד און מעשי הצדקה, ער פלעגט אנזאמלען גרויסע סוכמים געלט און דאס פארטיילן פאר אלמנות אין יותמים, אבער פאר זיך האט ער גארנישט גענומען אפילו איין פרוטה. ער איז געווען די רבו המובק פון חפץ חיים זצ"ל. ר' נחום איז נסתלק געווארן ביום ח' חשון תר"מ.

## ט' חשון

א) **הרה"ק ר' אברהם משה מפשעווארסק זצ"ל**: געבוירן צו זיין פאטער הרב ר' צבי הירש ז"ל. ער האט זיך מוסתופף געווען בצ"ק פון הייליגן רבי ר' אלימלך מליזענסק זצ"ל. ר' אברהם משה האט געלעבט א לעבן פון התבודדות און סגופים. ער פלעגט זיך דרייען אויף די גראז צווישן דערנער און ווערים אין די זומער, און אין ווינטער אין די קעלט האט ער געמאכט גלגול שלג. ער איז נסתלק געווארן ביום ט' מרחשון תקנ"ד ומנו"כ אין שטאט פשעווארסק.

ב) **הגאון ר' יצחק שיק זצ"ל אב"ד קארלין**:ער איז געבוירן שנת תקמ"ה צו זיין פאטער הרב ר' אהרן ז"ל זון פון הגאון ר' ברוך משקלאוו זצ"ל בעל עמודי שמים. ר' יצחק האט געוואוינט אין שטאט שיערישאוו און איז געווען א גאון מפרוסם וצדיק תמים און בעל מקובל. אסאך קהילות האבן אים געבעטן צו ווערן זייער רב אבער ער האט בשום אופן נישט געוואלט מקבל זיין א רבנות פאסטן. ווען ער האט פארלוירן זיין פארמעגן האט ער זיך אריבערגעצויגן קיין קרלין, ווי דארט איז געווען רב זיין ברידער הגאון ר' יעקב זצ"ל בעל משכנות יעקב. אין שנת תר"ה ווען זיין ברידער איז נסתלק געווארן, האבן אים די קארלינער קהילה שטארק געבעטן צו ווערן זייער רב, האט ער מסכים געווען. זיבן יאר איז ער געווען רב אין קארלין ביז צו זיין הסתלקות ביום ט' חשון שנת תריי"ב לפ"ק.

ג) **הגאון ר' יחזקאל סעגיגער מדוקלא זצ"ל:** ער איז געווען א גרויסער גאון בנגלה ובנסתר. ער איז געווען אן איידעם ביי הגאון ר' שלמה ברוך ט"ב זצ"ל אב"ד סטראפקוב.ר' יחזקאל האט מרביץ תורה געווען פאר אסאך תלמידים. ער איז נסתלק געווארן ביום ט' חשון תרל"ה.

ד) **הגאון ר' יצחק קאפף זצ"ל בעל לקיטת יצחק**: ער איז געבוירן שנת תר"ח אין שטאט איללאק, צו זיין פאטער הגאון ר' אברהם זצ"ל וואס איז געווען א מוהל מומחה און זיין מוטער מרת רחל ע"ה. ווען ער איז אלט געווען עלף יאר איז ער געגאנגען לערנען אין שטאט זענטע, ביי דעמאלטס'דיגן זענטער רב הגאון ר' דוד לייב זילבערשטיין זצ"ל מח"ס שבלי דוד (ער איז שפעטער געווען רב אין ווייטצען). שפעטער בשנת תרי"ט האט ער געלערנט ביי הגאון ר' פנחס שטיין זצ"ל אב"ד מיקאלש זצ"ל, דערנאך איז ער געגאנגען לערנען אין שטאט ווערבוי, ביי הגאון ר' חיים צבי מאנהיימער זצ"ל אב"ד ווערבוי אנגוואר ועוד. דארט האט ער געלערנט פאר אכט יאר און ווערט פארעכנט פאר איינס פונעם שבלי דוד'ס חשובסטע תלמידים, און איז א גאנץ לעבן געבליבן מקשר צו זיין רבין. ווען ער איז אלט געווען ניינצן יאר האט אים זיין רבי מסמך געווען ברבנות. אים שנת תרל"א האט ער חתונה געהאט מיט האשה החשובה מרת מלכה יטל בת הרה"ח ר' יודא לייב ווייס ז"ל פון ווערפלעט. נאך די חתונה האט ער געוואוינט אין שטאט ווערפלעט און איז דארט נאנט געווארן מיטן ווערפלעטער רב הגאון ר' וואלף טענענבוים זצ"ל. ער האט זיך אויך מסתופף געווען בצ"ק פון הרה"ק ר' הערש'לע ליסקער זצ"ל בעל אך פרי תבואה און ביי הרה"ק ר' משולם פייש מטאהש זצ"ל. אין יאר תרל"ז איז ער אויפגענומען געווארן אלס דיין ומורה צדק אין שטאט ערלוי. ר' יצחק איז געווען א גרויסע גאון און מתמיד וואס לא פסיק פומיה מגריסא און ער האט קיינמאל נישט גערעדט קיין שיחה בטילה, ווי אויך פלעגט ער יעדער נאכט ביי חצות קלאגן אויפן חורבן בית המקדש (אויף זיין מציבה איז נחרת "בהשתוקקת עצומה רחו נשברה כל הימים על חרבן בית המקדש להתאבל ולהקים"). ער איז געווען באקאנט אלס גרויסער פועל ישועות. ער איז נסתלק געווארן ביום ט' מר חשון תרפ"ט ומנו"כ אין שטאט ערלוי. מח"ס ברית אברהם על הלכות מילה (מונקאטש תרמ"ז), ספר לקיטת יצחק בן אברהם עה"ת(ב"ב תשכ"ב-כ"ח), ספר בר ריב"א על חידושי סיגות (ברוקלין תשמ"ב) וספר לקיטת יצחק על שו"ע אורח חיים (ברוקלין תשס"ב), ועוד חיבורים בכת"י.

## י' חשון

א) **הגאון ר' ארי' לייביש אוירבאך זצ"ל מסטאניסלאב**: געבוירן צו זיין פאטער הגאון ר' מרדכי מקרעמניץ זצ"ל אב"ד באבורג. ער איז געווען א גאון אדיר און איש אלוקים שר התורה בקי בנגלה ובנסתר און בעל מופת. אסאך פון די גדולי

דורו האבן אים געהאלטן פאר זייער רבו המובהק. ערשט איז ער געווען רב אין שטאט בוטשאטה, אין יאר ת"ק איז ער אויפגענומען געווארן אלס רב אין שטאט סטאניסלאב. ווען דער בעש"ט האט באזיכט אין שטאט סטאניסלאב האט ער אייביג געהאט זיין אכסינה ביים ר' ארי' לייביש און דער בעש"ט האט זיך אויסגעדריקט אויף אים אז ער האט א ניצוץ פון אביי. ער איז נסתלק געווארן ביום י' חשון אין שנת תק"י ומנו"כ אין סטאניסלאב. ער האט איבערגעלאזט א חיבור אויף ש"ס בכת"י.

## י"א חשון

א-ב) **רחל אמנו ובנה בנימין ע'ה**: די מאמע רחל איז געבוירן אין יאר ב' אלפים ק"ע, וי"א שנת ב' א' ק"פ, צו איר טאטע לבן הארמי אין שטאט חרן אין עיר כשדים. י"א אז זי איז געווען א צווילינג מיט איר עלטערע שוועסטער לאה אמנו. אין שנת ב' א' קפ"ה איז יעקב אבינו געקומען קיין חרן און האט דארט געארבעט פאר פעטער לבן זיבן יאר. במשך די זיבן יאר האט ער געשיקט מתנות פאר רחל דורך לבן, און לבן פלעגט עס איבערגעבן פאר לאה, און רחל האט שטענדיג געשוויגן. און דעם זכות האט זי זוכה געווען צו די צוויי שבטים אפרים און מנשה (תנחומה). ווען עס איז אנגעקומען די זמן החתונה האט לבן געגעבן פאר יעקב לאה אנשטאט רחל, און ווען רחל האט געזען אז איר עלטערע שוועסטער לאה גייט פארשעמט ווערן האט זי איבער געגעבן די סמנים פאר לאה וואס יעקב האט פון פריער געהאט אפגעמאכט מיט איר. און דעם זכות האט זי זוכה געווען אז עס פון איר ארויסגעקומען שאול המלך. אין שנת ב' א' קצ"ב האט רחל חתונה געהאט מיט יעקב. זיבן יאר איז זי געווען אן עקרה און נאכדעם האט זי געהאט יוסף. זיבן יאר שפעטער האט זי געהאט בנימין. ווען יעקב איז אנטלאפן פון לבן הארמי האט רחל גע'גנב'עט איר פאטער'ס אפגעטער דאן האט יעקב געזאגט פאר לבן, עם אשר תמצא אלהיך לא יחיה, איז אין יענעם טאג ביום י"א חשון שנת ב' אלפים ר"ו, רחל געשטארבן אויפן וועג אין שטאט אפרת. יעקב האט איר דארט באערדיגט וועגן ער האט געזען ברוה"ק אז "ווען נבוזראדן וועט פארטרייבן די אידן אין גלות אריין, וועלן די אידן דורך גיין מאמע רחל'ס קבר און זיי וועלן וויינען און בעטן, וועט רחל ארויס גיין פון קבר און וויינען און בעטן ביים אויבערשטן, אזוי ווי עס שטייט אין פסוק קול ברמה נשמע וגו' רחל מבכה על בני' א קול אין הימל ווערט געהערט, רחל וויינט אויף אירע קינדער. און די אויבערשטער וועט איר ענטפערן יש שכר לפעלתך עס איז דא א שכר פאר דיינע ווערק ושבו בנים לגבולם און די אידן וועלן זיך צוריק קערן ווען משיח וועט קומען". בו ביום איז בנימין געבוירן געווארן און איז אוועק ביום י"א חשון שנת ב' אלפים שי"ז, אין די זעלבער טאג פון זיין געבורט, אלט זייענדיג הונדערט און ניין יאר. (לדעות שנות לגבי שנת לידתו ופי' רחל ובנימין ראה בסדר הדורות)

## י"ב חשון

א) **הרה'ק ר' זאב וואלף קיצעס זצ'ל**:געבוירן צו זיין פאטער הרה"ק ר' אברהם זצ"ל. ער איז געווען מגיד מישרים אין שטאט מעזביש און איז געווען מגדול התלמידים פון בעל שם הקדוש זצ"ל, ווי אויך האט ער געדינט אלס בעל תוקע ביים בעש"ט און ער איז אויסגעוועלט געווארן אלס שליח צו מונע זיין ארויפצולייגן א ח. אויף חסידים. ער איז נסתלק געווארן שנת תקמ"ח ומנו"כ אין שטאט מעזביש אין אהל פון רבו הבש"ט.

ב) **הגאון ר' משה אייזענשטאדט זצ'ל אב'ד קלעצק**: ער איז געבוירן צו זיין פאטער הגאון ר' מיכאל אב"ד קלעצק זון פון הגאון בעל פנים מאירות. ר' משה איז געווען מ"מ פון זיין פאטער אין שטאט קלעצק. נסתלק געווארן אין שנת תקנ"ו.

ג) **הרה'ק ר' משה'לע האלבערשטאם משינאווא זצ'ל**: ער איז געבוירן ביום ט' מנחם אב שנת תר"ב צו זיין פאטער הרה"ק בעל דברי יחזקאל משינאווא זצ"ל און זיין מוטער הרבנית דבורה (בת הרה"ק ר' מרדכי זילבערשטיין אבד"ק האלשיץ). ער האט געהייסן משה נאך זיין זיידע הרה"ק בעל ישמח משה זצ"ל. זיין מאמע איז נפטר געווארן ווען ער איז נאך געווען גאר יונג. ער איז אויפגעצויגן געווארן ביי זיין פעטער הרה"ק ר' משה'לע אונגאר זצ"ל חדב"ן הרה"ק מצאנז זצ"ל, וואס האט געוואוינט אין שטאט צאנז, ממילא האט ער זוכה געווען אסאך מקבל צו זיין פון זיין זיידע דער הייליגער צאנזער רב זצ"ל. ער איז געווען אן איידעם ביי הגביר ר' מאיר צבי טענענבוים ז"ל פון שטאט בריגל. נאך די חתונה האט ער געוואוינט אין שטאט בריגל, שפעטער האט ער זיך אריבער געצויגן קיין שינאווא ליד אביו וואס האט אים עטליכע יאר פאר זיין הסתלקות איבער געגעבן דאס רבנות אין שינאווא, און ער איז גערופן געווארן דער יונגער רב. שפעטער נאכן הסתלקות פון זיין טאטע בשנת תרנ"ט איז ער געווארן ממלא מקום פון זיין טאטע אלס רב אין שטאט שינאווא. אין יאר תרס"ו איז ער אריבער וואוינען קיין צאנז. בעת די ערשטע וועלט מלחמה האט ער געוואוינט אין וויען. סוף יאר תרע"ח איז ער צוריק געפארן קיין צאנז און איז נסתלק געווארן ביום ערש"ק פרשת לך לך י"ב חשון תרע"ט, די לוי איז פארגעקומען מוצאי שבת. ומנו"כ אין אהל פון זיין זיידע הרה"ק מצאנז זצ"ל.

ליטול חלק בהוצאת הגליון ולהארות והערות או
לקבל הגליון, ניתן לפנות
yoimabhillula@gmail.com